JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over Canada And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

CANADA

האט איר שוין א קליינע סיף ביי אייך אין הויז אויב ניט קומט אריין און נעמט איינע פריי — עפענט אן אקאונט בלויז מיט איין דאלאר

VOLUME VII No 2588 Toronto January 21 1920 ראש חודש שבט פרשה בא תרפ. מיטוואך דער 21-טער יאנואר 1920 PRICE TWO CENTS



JAN 28 1920
N.Y. Public Library 476 Fifth Ave.


# שטאט פארלירט אפיל געגען קאר קאמפאניע

## צענטראלע מזרחים ביורא באשטימט צו זיין אין ירושלים

אונגארישער אידישער דעפוטאט אטאקירט די רעגירונג פאר וועלען ארויס טרייבען פליכטלינגע. — אידישער רעדאקטאר ארעסטירט אין פא־לעסטינא פאר אטאקירען מיסיאנערען. — אידישער נאציאנאל ראט ערוועהלט אין ליטא. — וויכטיגער קאנפערענץ פון אינערען ציוניסטי־שען קאמיטעט. — אנדערע אויסלענדישע אידישע נייעס.

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו־יארק, יאנואר, 20.

אינפארמאציעס וואס זענען דא ער־האלטען געווארען גיבען איבער דאס די קאנווענשאן פון דער אלוועלטליכער מזרחים ארגאניזאציע וואס איז געהאל־טען געווארען אין אמסטערדאם, האט באשלאסען צו עטאבלירען איהר צענט־ראלע ביורא אין ירושלים. עס איז אויך באשלאסען געווארען אין פאל אין ירושלים וועט ניט מעגליך זיין, דאן זאל דאס צווייטע פלאץ זיין לאנדאן, ענג־לאנד.

די קאנווענשאן האט אויך אויסער־קליבען הרב קוק אלס דעם רב הכולל פון ירושלים.

דוד יעלין, איינער פון די עלטצטע איינוואוינער פון ירושלים איז באעהרט געווארען מיט א טיטול פון דער ענגלישער רעגירונג. ביי דער צערעמאניע זענען אנוועזענד געווען ארמי בעאמטע.

א ידיעה גיט איבער דאס דער אי־דישער דעפוטאט אין אונגארישען פאר־לאמענט האט געהאלטען א רעדע אין שארף אטאקירט די רעגירונג פאר איהר פלאן ארויסצושיקען די אידישע פליכט־לינגע וואס געפינען זיך אין אונגארן פון קריעגס צייט, ווען גאליציאנער אידען זענען אנטלאפען ווען דאס רוסישע חיל האט איינגענומען גאליציען.

נאך ידיעות וועגען פאגראמען.

ידיעות גיבען איבער דאס אין עטלי־כע שטעדט וואס זענען איבערגעגעבען פון גענעראל דעניקין'ס הענט זענען פאר־געקומען פאגראמען אויף דער אידישער באפעלקערונג.

ליטווישע אידען פאראייניגט.

א ידיעה גיט איבער דאס די ליטווי־שע אידען האבען ארגאניזירט א נאציא־נאל ראט וואס זאל אויפפאסען אויף די אידישע אינטערעסען.

די ידיעה גיט איבער דאס דער נא־ציאנאל ראט איז פארמירט געווארען ביי א קאנפערענץ פון אלע ליטווישע אידישע קהלות וואס איז געהאלטען געווארען אין קאוונא.

עס זענען אנוועזענד געווען די פרא־מינענטסטע אידען. דער אידישער מי־ניסטער מ. סאלאווייטשיק איז אויך אנ־וועזענד געווען. אין א שפעטער רעדע האט דער אידישער מיניסטער באגריסט די גרינדונג פון דעם נאציאנאל ראט און האט צוגעזאגט צו שטיצען אין שטעדי־...

נער פארבינדונג מיט די פארשטעהער פון'ם פאריזער דעלעגאציע. זיין ארבייט, האט דער מיניסטער געזאגט, וועט זיין אין פאלשטענדיגער איינקלאנג מיט די פיענער פון די אידישע פארשטעהער.

דער קאנפערענץ האט אויסגעקליבען 34 דעלעגאטען וואס וועלען צוזאמע־שטעלען דעם נאציאנאל ראט.

א ידיעה גיט איבער, דאס דער אי־דישער אדוואקאט מארגאלין וואס איז דער ספעציעלער פארשטעהער פון דער אוקראינישער רעגירונג אין בערלין, איז אפגעפארען נאך לאנדאן אויף א ספעצי־עלער מיסיע.

אין קאמף מיט די מיסיאנערען.

אינפארמאציעס וואס זענען דא ער־האלטען געווארען גיבען איבער דאס מ. סאפיר, דער ארויסגעבער פון א העברע־אישער צייטונג אין ירושלים, איז ארעס־טירט געווארען פון די מיליטערישע בע־אמטע דערפאר, ווייל ער האט אפגע־דרוקט אין זיין צייטונג אן ארטיקעל, אין וועלכען ער האט אטאקירט די מיסיאנערען פון פאלעסטינא (אין א ידיעה וואס איז עמפאנגען געווארען דאס די אידישע באפעל־קערונג פון פאלעסטינא האט אויפגענו־מען א קאמף געגען די מיסיאנערען וואס זוכען צו פארדרעהען קריסטליכקייט צווי־שען דער אידישער באפעלקערונג).

וויכטיגע ציוניסטישע קאנפערענץ אין פעברואר.

א ידיעה וואס איז דא ערהאלטען גע־ווארען אין די ציוניסטישע קרייזען ברענגט די נייעס דאס אין חודש פעברואר וועט דער אינערליכער אקציאנס קאמי־טעט האלטען זעהר א וויכטיגע קאנפע־רענץ.

## „ריטס” וועגען צוויי מי־ניסטארען

נעכטען שפעט אין אוונט האבען זיך פארשפרייט קלאנגען דאס אין פאר־לויף פון היינטיגען טאג וועלען ארויסגע־געבען ווערען „ריטס” אויף ביי־עלעק־שאנס פאר צוויי מיניסטארען פון דעם דרורי קאבינעט. דאס זענען פאר'ן פרע־מיער אליין און פאר מר. מעניגג דאהערטי דער אגריקולטור מיניסטער.

עס זענען ניט ארויסגעגעבען געווא־רען די פלעצער וואו די צוויי מיניסטארען וועלען זיין קאנדידאטען.

עס איז אויך באהויפטעט געווארען, דאס פאר מר. רעני, דעם אטוירני־דזשענעראל איז נאך קיין פלאץ ניט גע־פונען געווארען.

## ארויסגעשיקטע אנארכי־סטען אויפגענומען מיט שמחה

טרעיאקי, פינלאנד, יאנ. 20.

אלע קלאנגען וואס האבען זיך פאר־שפרייט דאס די פאוויעטען רעגירונג וועט ניט ארויסלאזען די 249 אנאר־כיסטען וואס זענען ארויסגעשיקט גע־ווארען פון די פאראייניגטע שטאטען, האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין ניט באגרינדעט...

## פריווי קאנסיל פון ענגלאנד זאגט סטריט קאר קאמפאניע קאן ניט באשראפט ווערען

באשלוס פון קעגנדער געריכטען אין ריזולווי באארד צוריקגעוויזען. — קאמפאניע מוז ריינוגען דעם שפי־... מוזען ניט בויען נייע קארס.

## קלאגע געגען פינף סאציאליסטישע אסעמבלי לייט פארמעל אריינגעבראכט

לאיער וואס זאל פארטרעטען דאס פאלק ניט צוגעלאזען. — קלאגע ליוטעט סאציאליסטען האבען געמאכט א קאנספיראציע.

## נייע אבלאוזעס אין די שטאאטען

## הונגער אין ענגלאנד האט געטריבען עפענען דעם האנדעל מיט באלשעוויקעס

גרויסע צאהל תבואה אין באלשעוויקישען רוסלאנד. — וועט אויסגעבי־טען ווערען אויף מאשינעריע און אנדערע ארטיקלען. — פלאן ווי אזוי אנצופיהרען דעם האנדעל.

## גרויסע צאהל פארמער פון די שטאאטען קומען אין קאנאדע

אנדערע אימיגראנטען ווערען ניט אריינגעלאזען.

## צוויי טויטענפאלען אין שטאדט פון שפאנישע אינפלוענציע

## קאנאדע שיקט ארויס איהרע „רויטע” שטיקערהייט

# שפארען איז דער וועג צו רייכטום

הויבט אן לערנען אייער קינד צו שפארען און עס וועט וויסען די ווערט פון געלט אין די שפעטערדיגע יאהרען

# מר. ה. וויינבערג

## BANKER

251 קווין סטריט וועסט (אין אפיס פון אידישען זשורנאל)

וועט אייך העלפען דער צו

קומט אריין צו מר. ה. וויינבערג און איהר וועט פון איהם באקומען א מתנה פאר אייער קינד א שעהנעם אנציהענדען קליינעם אייזערנעם סייף, און וועלכען אייער קינד וועט קענען שפארען.

הונדערטער טאראנטאר קינדער האבען שוין אזעלכע 'סייפס' ווארום זאלט איהר אייך ניט באקומען איינע אויך פאר אייער קינד.

עפענט פאר אייער קינד אדער פאר אייך א „סייווינגס אקאונט" ביי

מר. הערי וויינבערג BANKER

251 קווין סטריט וועסט

